**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו באשטימען א פויגל אפהיטונג פלאץ ביים ברעג פון מאנטאוק פוינט

***לעגיסלאציע נומער S.2273/A.5550 באשטימט די געגנטער ביים וואסער ביי די מאנטאוק פוינט ברעג אלס א פויגל אפהיטונג פלאץ***

***[זעהט בילדער פון די געשעעניש](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט, צוזאמען מיט ערוויילטע בעאמטע און קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן אין מאנטאוק, אונטערגעשריבן א לעגיסלאציע וואס וועט אנווייזן פאר די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו באשטימען די געגנטער ביים וואסער ביי די מאנטאוק פוינט ברעג אלס א פויגל אפהיטונג פלאץ.

"ניו יארק איז א נאציאנאלער פירער ווען עס קומט צו באשיצן אונזער סביבה און די עקאלאגישע סיסטעמען וואס זענען אנגעוויזן דערויף," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דערפאר שרייב איך אונטער די לעגיסלאציע צו באשטימען די מאנטאוק פוינט נידריגע וואסערן אלס א פויגל אפהיטונג פלאץ."

לעגיסלאציע נומער S.2273/A.5550 באשטימט די געגנטער פון נידריגע וואסער ביי מאנטאוק פוינט אלס א פויגל אפהיטונג פלאץ. די געגנט באשטייט פון וואסערן וואס זענען זעכציג פיס טיעף אדער ווייניגער, און צווישן דריי און א האלב ביז פיר מייל פונעם ברעג.

דער ניו יארק סטעיט פויגל אפהיטונג פלאץ (Bird Conservation Area, BCA) פראגראם איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1997 צו באשיצן און פארשטארקערן די פויגל באפעלקערונגען און זייערע וואוינונגען אויף לאנד און וואסערן אינערהאלב די סטעיט. די לעגיסלאטור האט געגעבן די אויטאריטעט פאר די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) און פאר די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) און פאר די סטעיט דעפארטמענט צו באשטימען BCA'ס ווי זיי האלטן פאר ריכטיג. די ציל פון די BCA פראגראם איז צו אריינמישן פויגל אפהיטונג אינטערעסן אין די אגענטור'ס פלאנירונגען, פארוואלטונג און פארשונג פראיעקטן, וואס אנבאלאנגט אגענטור מיסיעס, דאס אלעס בשעת'ן ארבעטן מיט פאראינטערעסירטע פארמישטע קערפערשאפטן. ביז יעצט, זענען 59 BCA'ס ערפאלגרייך באשטימט געווארן דורך די עקזיסטירנדע פראצעדור.

**סטעיט סענאטאר ענטאני פעלאָמבאָו האט געזאגט,** "אלס דער ספאנסאר פון די ביל אין די סענאט, פיל איך פאר נויטיג נישט נאר צו צוריק אנערקענען מאנטאוק פוינט אלס א היסטארישע לאקאציע און אלס א סימבאל פאר פישעריי און אנדערע וואסער טראדיציעס אין די ראיאן נאר אויך צו אנערקענען און באשיצן אירע נידריגע וואסערן וואס זענען א קריטישע וואוינונג פאר צענדליגע טויזנטע וואסער פויגל און

פויגל וואס דרייען זיך אויפ'ן אפענעם ים. איך באדאנק און אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול איבער איר איבערגעגעבנקייט פאר די סביבה און פאר'ן אינטערשרייבן די וויכטיגע געזעץ איבער אפהיטונג פון ווילדע באשעפענישן. אזוי אויך דאנק איך אסעמבלי מיטגליד פרעד טיעלע פאר זיין ארבעט מיטן אריבערפירן די געזעץ אין די סטעיט אסעמבלי. די צוויי-פארטייאישע מאסנאמען זעצן פאר אונזערע באמיהאונגען צו באשיצן ווילדע באשעפענישן וואס זענען אין געפאר, פארשטארקערן אונזער עקאלאגישע סיסטעם און פארבעסערן אונזערע וואסערן ביים ברעג פאר פילע קומענדיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד טיעלע האט געזאגט,** "די נידריגע וואסערן ביי מאנטאוק פוינט זענען א קריטישע וואוינונג פאר צענדליגע טויזנטע וואסערפויגל און ים פויגל. די געגנט האלט נארמאל אויף צום ווייניגסטנס צוויי טויזנט פייגלעך. א טייל פון די סארטן זענען אין געפאר פון פארטיליגונג. די נידריגע וואסערן ביי מאנטאוק פוינט זענען אין געפאר פון פארפעסטיגונג פון נישט-נקודות'דיגע מקורות און פון אנדערע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן. צוזאמען מיט אנגייענדע באמיהאונגען צו אפהיטן אפענע פלעצער און פארבעסערן וואסער קוואליטעט, וועט דאס באשטימען די פלאץ אלס די מאנטאוק פוינט נידריגע וואסערן פויגל אפהיטונג פלאץ העלפן פארזיכערן אז די קריטישע פויגל וואוינונג איז באשיצט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע וואס וועט אפהיטן א קריטישע טייל פון די כאראקטער פון די איסט ענד קאמיוניטי."

פון מאנטאוק ביז באפעלאו, איז ניו יארק א היים צו א גרויסע אויסוואהל פון געוואלדיגע וואינערטער פאר פויגל וואס האלט אויף איבער 450 ערליי פויגל. באטראכטן פייגלעך, איז איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע דרויסענדיגע פארוויילונג אקטיוויטעטן וואס קענען ברענגען הנאה פאר מענטשן פון יעדע עלטער און מאס ערפארונג, און אין צוגאב איז עס א געוואלדיגע וועג צו 'אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן'. די ניו יארק סטעיט פייגלעך באטראכטונג טרעיל שטעלט צו צוטריט צו אויסערגעווענטליכע פייגלעך באטראכטן און א שטאנדהאפטיגע נאטור איבערלעבעניש פון א הויכע קוואליטעט. די טרעיל אינספירירט נייע פויגל באטראכטער און אלע ניו יארקער און באזיכער אפגעזעהן זייער יארגאנג, מעגליכקייטן, אידענטיטעט אדער הונטערגרונט צו אנהייבן באטראכטן פייגלעך דורך אונטערשטרייכן די פילפארביגע און אייגנארטיגע געלעגנהייטן צו טרעפן אין ניו יארק סטעיט. די טרעיל איז נישט א פיזיש-פארבינדענע אדער אויפגעבויטע טרעיל, נאר עס איז א נעץ פון לאקאציעס וואס ווערן אדווערטייזט אלס פלעצער צו באטראכטן פייגלעך וואו מען קען צוקומען מיט א קאר אדער פובליק טראנספארטאציע און אזוי ארום צושטעלן אן אריינעמענדע איבערלעבעניש פאר אלע, אריינרעכענענדיג אן אויסערגעווענטליכע לאקאציע ביי מאנטאוק פוינט סטעיט פארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן